# א שמועס ביים שבת טיש

להערות והארות התקשרו בדוא"ל: vortofshabbos@gmail.com

פרשת
**פקודי**


## • לימוד מהפרשה

**ובצלאל בן אורי וגו' עשה את כל אשר צוה ה' את משה**- משה צוה לבצלאל לעשות תחלה כלים ואח"כ משכן אמר לו בצלאל מנהג עולם לעשות תחלה בית ואח"כ משים כלים בתוכו אמר לו כך שמעתי מפי הקב"ה א"ל משה וכו' כך צוה לי הקב"ה (רש"י)

אמאל איז געווען איינער צוגאסט ביי א 'נישט גרויסער תלמיד חכם-נישט קליינער מן הארץ'... און דער גאסט געבער האט פארפירט היתכן מ'האט פארגעסן צו לייגן א חלה דעקל ! און ער האט פארגעהאלטן די ווייב וויאזוי קען איך צולאזן אזא זאך? (בפרט ווען ס'איז דא א גאסט...) און דער גאסט פרובירט אים צו בארואיגן אבער יענער רעגט זיך אויף די בני בית אז ס'גייט א רויעך. דער גאסט פרעגט ר' איד איר ווייסט אפשר פארוואס מ'פירט זיך צו לייגן א חלה דעקל ? דער איד שרייט ניין איך ווייס נישט אבער מנהג ישראל תורה, מסורה וכו', און דער גאסט הייבט אן מסביר צו זיין אז מ'דארף צודעקן די חלות ביי קידוש כדי די חלות זאלן נישט פארשעמט ווערן ווען זיי זעהען אז מ'מאכט קודם א ברכה אויף די וויין (ווען א גאנצע וואך מאכט מען קודם א ברכה אויף פת). און דאס איז נאר ביי א מאכל, קל וחומר א מענטש מיט געפילן צו פארשעמען איז אודאי אסור !

אסאך מאל ווערט מען אזוי ארייגעטון אין די 'דיטעילס' פון די זאך אז מ'פארגעסט די גרויסע 'פיקטשער': מ'דינט דעם גרויסן באשעפער און מ'טוט זיין רצון. רש"י פארציילט אונז אז משה רבנו האט געהייסן קודם מאכן כלים און דערנאך די משכן אבער בצלאל האט געטענה'ט אז מ'דארף קודם צוגרייטן א פלאץ ווי מ'קען ארייגלייגן די כלים. און משה האט מודה געווען צו בצלאל. וואס איז געווען משה'ס 'טעות' אז מ'דארף קודם "כלים" און וואס האט בצלאל געענטפערט אז קודם קומט א "משכן" ?

איז מסביר הרב י. שטיינווארצל: א "משכן" איז א הויז וואו מ'דינט דעם באשעפער בכלליות, ווען איינער פארט מיט א העליקאפטער איבער די מדבר און מ'זעהט די משכן ווייזט מען אן, אין יענעם הויז דינט מען דעם באשעפער, אן קיין פרטים, אויב ווילסטו וויסן פרטים פונקטליך וואס און ווען,

דארף מען אריינגיין און קוקן, װעסטו טרעפן א מנורה און א מזבח, שולחן וכו׳. ״כלים״ זענען ׳דיטעילס׳ <u>װיאזױ</u> מ׳דינט דעם באשעפער. משה זאגט אז מ׳דארף זיך גלייך נעמען רעדן װעגן די כלים מיט װאס מ׳דינט דעם באשעפער, זאגט אבער בצלאל: הייליגער פעטער משה, נישט יעדער איינער איז אויף דיין מדריגה, עס זענען דא אזעלכע װאס װעלן װערן אזוי פארכאפט אין די ׳פרטים׳ אז זיי װעלן פארגעסן דעם גרויסן כלל פון טוהן דעם ״רצון השם״. מ׳דארף קודם רעדן װעגן דעם ׳משכן׳ בכלליות און דערנאך פון די כלים. האט משה געענטפערט ב׳צל׳ היית, דו פארשטייסט צו די אידן װאס שטייען אין די זייט, אין די שאָטן.

די גמרא פארציילט אז די תלמידים האבן געפרעגט רבי זירא: פארװאס האסטו זוכה געװען צו א לאנג לעבן ? האט ער געזאגט דריי זאכן: 1-איך האב קיינמאל נישט מקפיד געװען (זיך גערעגט) אין מיין היים. 2- איך האב מיך אכטונג געגעבן נישט צו טראכטן אין לערנען אין שמוציגע פלעצער װאו מ׳טאר נישט. 3- איך בין נישט געגאנגען ד׳ אמות אן תורה און אן תפילין. רבי זירא זאגט אויף זיך אז ער איז נישט געגאנגען ד׳ אמות (בערך 8 פוס-8 ׳טיילס׳) אן תורה און אן תפילין ! אבער אויך אז ״איך האב קיינמאל נישט מקפיד געװען אין מיין היים״, מ׳קען זיין א ״גרויסער״ מענטש אבער צו די קינדער און די ארומיגע האט מען נישט קיין געדולד... עס װאלט געקענט זיין א מצב אז ער װעט זיין אזוי אריינגעטון אין תורה אז ער װעט נישט באמערקן אז די פלאץ איז שמוציג זייענדיג פארטראכט אין לערנען, אבער ניין, כאטש ער איז געװען כסדר ״געטוב׳לט״ אין תורה, װען ער איז אנגעקומען צו א פלאץ װאס מ׳קען נישט לערנען איז ער גלייך מפסיק. פארװאס ? װייל א גרויסער מענטש האט איין ציל: צו טוהן דעם **רצון השם**. װאס דער אייבערשטער װיל האט א חשיבות און מ׳פארקוקט עס נישט און מ׳מאכט עס נישט אװעק.

**ויברך אותם משה**-אמר להם יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם (רש״י)

מזל טוב מ׳האט שוין ענדליך געבויט די משכן! מ׳האט שוין די כפרה פארן עגל, געװאלדיג. שא שטיל דער רבי װאונטשט. משה רבינו װאונטשט א ברכה שתשרה שכינה במעשה ידיכם. װעלכע מעשה ידיכם מיינט ער, די משכן ? אויף דעם דארף מען דען א ברכה ? דער אייבערשטער האט דאך געזאגט מאכט׳ס מיר א משכן, אנגעזאגט פונקטליכע הלכות פון די אלע כלים און בגדים און דערנאך װעט זיין ושכנתי בתוכם ! איז דען דא ח״ו א ספק אז דער אייבערשטער װעט האלטן װארט ? װאס פעלט אויס די ברכה פון משה שתשרה שכינה במעשה ידיכם?

די תורה איז א נצחיות, יעדער איינער ווייסט פון דעם טייטש פונעם אלשיך הקדוש ועשו לי מקדש ושכנתי "בתוכם", אין יעדער איד איז דא א משכן. אבער מענטשן פרעגן, ס'איז טאקע זייער א שיינע טייטש, למעשה תכלית... וויאזוי מאך איך די משכן ביי מיר אין הארץ ? יעדער וואלט געוואלט אז די אייגענע הארץ זאל זיין א פלאץ פארן באשעפער אבער מ'טראכט: דאס איז צו א גרויסע זאך, מן הסתם איז דאס פאר גרויסע צדיקים, גדולי הדור אבער איך ?...

יא יא, יעדער איינער ווייסט און האט שוין געהערט פון אזא זאך ווי טוהן גשמיות'דיגע זאכן לשם שמים-בכל דרכיך דעהו וכו'. אבער לייג צו קאפ, מיר גייען נאכזאגן פון הרב אביגדור מילער זצ"ל א מורא'דיגע חידוש פון בעל חובות הלבבות: ווען א מענטש איז עוסק אין א מצוה **ווערט יעדע זאך וואס האט נאר א שייכות צו די זאך א מצוה**, למשל: אז איינער גייט נאך געלט פאר צדקה און אויף די וועג קויפט ער א סאדע, ווערט די סאדע א חלק פון מצות צדקה ! אפילו ער האט "נישט" אינזין לשם שמים (!) נאר ווייל ס'איז געווען א חלק פון א עוסק במצוה. אז איינער גייט מקיים זיין ביקור חולים און קויפט זיך א 'אייס קרים' ווערט עס א חלק פון מצות ביקור חולים ! אז איינער טוט א חסד און נעמט א איד אין די קאר אין צינדט אן די עיר קאנדישאן ווייל ס'איז הייס ווערט די קאלטע געשמאקע עיר קאנדישאן א חלק פון די מצוה ! ווען מ'פארשטייט דאס זעהט מען איין וויפיל געלעגנהייטן מיר האבן יעדע מינוט צו פארדינען אוצרות און ווערן א פלאץ פאר השראת השכינה. דו האסט אגאנצן טאג אזויפיל געלעגנהייטן וואו מ'קען מאכן השראת השכינה !

משה רבנו וואונטשט אן שתשרה שכינה ב"מעשי ידיכם", ענקערע האנט ארבייט, מ'מיינט נישט די משכן, דארט איז פשוט אז ס'איז דא השראת השכינה. מ'מיינט דא די 'פשוטע' מעשים וואס איעדער מענטש טוט כסדר און מ'קען **דורך דעם זוכה זיין צו השראת השכינה יעדער איינער ביי זיך אליינס**, אמן.

## • הלכה

**שאלה: מעג מען שרייבן א אות אדער פיקטשער אויף א פענסטער וואס שוויצט פון קעלט ? אויף די טיש מיט די ברעקלעך פון די חלה ?**

**תשובה:** די איסור פון כותב-שרייבן איז אפילו ווען ס'איז נישט "לקיימא"-צו האלטן פאר א לענגערע צייט. דעריבער טאר נישט שרייבן אותיות אויף א פענסטער אדער מיט די ברעקלעך וכדומה.

## • מעשה

**השגחה פרטית**

נישט נאר אין די אמאליגע מעשה ביכלעך זעהט מען וואונדערליכע סיפורים פון השגחה. יא יא, אפילו "היינטיגע" טעג זעהט מען אויך, מ'דארף נאר עפענען די אויגן. מיר וועלן פארציילן אן אינטרעסאנטע ענין פון לעצטענס ממש. א יונגערמאן האט מיר פארציילט: מיט צוויי וואכן צוריק פרשת כי תשא תשע"ו איז מיין בני בית תחי' אוועק געפארן אויף עטליכע טעג און זי האט געהאט אין פלאן צו זיין צוריק מיטוואך נאכט. ס'איז געווען אויסגערעכענט ווייל דאנערשטאג האט זי געהאט ארבייט ביי א שמחה דא אין ניו יארק. מיטוואך נאכט האט געמבול'ט און געגאסן מיט גאר שטארקע ווינטן. די פליגער האט געדארפט ארויספארן 7:20 און לאנדן דא בערך 10:00. למעשה האט זיך עס אפגעשטופט און מ'האט הערשט ארויפגעלאזט דעם עולם אויפן פליגער 8:15, בערך 9:00 האבן זיי געמאלדן אז יעדער זאל אראפגיין... מ'קען נישט פליען ווייל ס'איז נישטא וואו צו לאנדן, די עירפארט אין ניו יארק איז צו געפאקט (זעהט אויס אז צוליב די וועטער זענען די פליגערס פון דא נישט ארויס געפארן און ממילא איז נישט געווען פלאץ פאר אנדערע פליגערס אריינצוקומען). דערנאך האבן זיי געמאלדן אז דער 'פיילאט' מיט די גאנצע מאנשאפט זענען אהיימגעגאנגען, זיי האבן שוין געפערטיגט זייער 'שיפט' פארן טאג און די עירליין זוכט א אנדערע פיילאט מיט מאנשאפט פאר די רייזע "אויב" מ'וועט נאך קענען היינט נאכט ארויספארן... מיין ווייב רופט מיך אן מעלדן די מצב זייענדיג באזארגט, וואס טוט מען וועגן די ארבייט ביי די שמחה מארגן, א שמחה קען מען דאך נישט אפשטופען ?

איך בין דערווייל געגאנגען צו א חתונה אין 'תפארת רבקה' זאל אין בארא פארק אויף די 38'סטע גאס. ארויס קומענדיג אין די שטארקע רעגן באגעגן איך א באקאנטער און ער פרעגט מיר: וועלכע וועג פארסטו יעצט ? פרעג איך אים וואו דארפסטו אנקומען ? פארציילט ער, אוי האב איך געהאט א טעות, איך האב געדארפט גיין צו  א חתונה אין 'עטרת חינקא' זאַל אויף מיק-דאנאלד עוועניו (די אנדערע עק שטאט ) און איך האב מיך טועה געווען און מיך אהער געשלעפט אין די וועטער און יעצט דארף איך זעהן וואס צו טוהן אנצוקומען צו 'עטרת חינקא'...

דער אייבערשטער האט מיר חונן דעת געווען און איך זאג אים: אין זוהר הקדוש שטייט אז ווען דער אייבערשטער וויל איינעם א טובה טוהן שיקט ער אים א 'מסכן'- איינעם אין נויט, אין בזכות דעם וואס דו ביסט גומל חסד מיט יענעם טוט דער באשעפער מיט דיר חסדים. זאג איך דעם איד, דו

דארפסט ערגעץ יעצט **אנקומען** און איך דארף אז מיין ווייב זאל **אנקומען** אהער קיין ניו יארק, זיכער האט מיר באשעפער דיר אונטערגעשיקט כדי איך זאל באקומען מיין ישועה, קום אין די קאר, איך וועל דיך נעמען צום זאַל, ווארטן ביז דו גיבסט אפ מזל טוב אין איך טראג דיך אהיים. דער איד האט מיך שטארק באדאנקט אבער איך האב געענטפערט אז באמת קומט אים די ישר כח פאר די געלעגענהייט איך זאל מיך קענען ממשיך זיין א חסד. מיר פארן צום זאַל, ווי נאר ער גייט ארויס פון די קאר רופט מיין ווייב מיט פרייליכע נייעס, עס איז דא א 'פלייט' און מיר קומען היינט נאכט צוריק ! הייליגער באשעפער וואו וואונדערליך זענען דיינע וועגן!

## *א גוט שבת*